## מעלדונג פון פארגעשלאגענע שליכטונג פון קלאס שריט וועגן
## ניו יארק'ס נורסינג היים איבערגאנג און אפטרעטונג
## פראגראם (NURSING HOME TRANSITION AND DIVERSION, NHTD)

**ווער זאל ליינען דעם מעלדונג?**

איר זאלט ליינען דעם מעלדונג אויב איר זענט א מיטגליד פון די קלאס (טייל פון די גרופע) וואס ווערט ווערן אפעקטירט דורך די שליכטונג פון די *Bagley v. New York State Department of Health* (*בעיגלי קעגן ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט*) קלאס שריט געריכט. איר זענט א קלאס מיטגליד (Class Member) אויב איר:

(1) זענט א ניו יארק סיטי איינוואוינער וואס,
(2) האט סיי ווען נאך אוגוסט 18, 2012,
(3) געווען אדער איז איינער וואס באקומט Medicaid דעקונג וואס שטיצט קאמיוניטי-באזירטע לאנג-טערמיניגע קעיר סערוויסעס, און
(4) איר זענט העכער אכצן יאר אלט, און
(5) איר האט זיך איינגעגעבן, אדער געבט זיך איין אדער, האט לענגאויס די פארגאנגענע דריי יאר נאך די געריכט'ס באשטעטיגונג פון די שליכטונג אפמאך (Settlement Agreement) געבט איר זיך איין פאר NHTD וועיווער פראגראם (NHTD Waiver Program) סערוויסעס אין ניו יארק סיטי, און
(6) איר זענט געפונען געווארן אלץ אומבארעכטיגט פאר די NHTD וועיווער פראגראם ביים אינטעיק אינטערוויו שטאפל, אדער
(7) מען האט אייך געזאגט אז איר זענט ווארשיינליך בארעכטיגט אבער נאכדעם זענט איר באשטימט געווארן אלץ אומבארעכטיגט אן צו באקומען א פארמאלע מעלדונג פון אזא באשלוס; און
(8) איר זענט קיינמאל נישט געווען איינגעשריבן אין די NHTD וועיווער פראגראם.

**איבער וואס רעדט זיך דאס מעלדונג?**

דאס מעלדונג רעדט זיך איבער א געריכט פראצעס שליכטונג וואס קען אפעקטירן אייערע רעכטן. אין 2015, איז א קלאס שריט געריכט פראצעס איבער די NHTD וועיווער פראגראם ("די געריכט פראצעס") אריינגעגעבן געווארן אין פעדעראלע געריכט מיט'ן טיטל *Bagley et al. v. New York State Department of Health et al* (*בעיגלי קעגן ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט*). די געריכט פראצעס האט געלויטעט, צווישן אנדערע זאכן, אז די העלט דעפארטמענט (Department of Health, DOH) האט אויפגעשטעלט און פארטיילט די NHTD וועיווער פראגראם אין ניו יארק סיטי אין פארשידענע פראבלאמאטישע וועגן וועלכע האט עס געמאכט שווער פאר בארעכטיגטע אפליקאנטן צו באקומען סערוויסעס. DOH האט געלייקנט אז עס האט זיך אויפגעפירט נישט ריכטיג. די אנקלאגער און די DOH שלאגן יעצט פאר א שליכטונג וואס זיי גלויבן איז גלייך פאר אלע קלאס מיטגלידער. אבער, די געריכט מוז ערשט באשטעטיגן די שליכטונג אפמאך כדי עס זאל קענען אריינגיין אין קראפט.

**וואס ליגט אין דעם שליכטונג?**

אין אלגעמיין, צילט די שליכטונג אפמאך צו פארבעסערן קאמיוניקאציע מיט אפליקאנטן, מאכן NHTD פראגראם סערוויסעס גרינגער צו באקומען, און שנעלער מאכן די אפליקאציע פראצעדור. צו דערגרייכן די צילן, פאדערט די שליכטונג, צווישן אנדערע זאכן:

- נאך טרענירונג פאר אגענטורן וועלכע טיילן אדער שטעלן צו סערוויסעס דורך די NHTD וועיווער פראגראם;
- אוטריטש פאר קלאס מיטגלידער, נורסינג היים איינוואוינער, נורסינג היים אדמיניסטראטור און באפרייאונג פלאנירער, און אנדערע, זיי צו מאכן אויפמערקזאם איבער די סערוויסעס אוועילעבל אין די קאמיוניטי מיט די NHTD וועיווער פראגראם, און די אפליקאציע פראצעדור;
- נאכאנאנדע און קלארע געשריבענע מעלדונגען אין באקאנטע שפראכן אין ניו יארק סיטי, גרויסע דרוק, ברעיל, אדער א צוגענגליכע עלעקטראנישע פארמאט אויפ'ן פארלאנג דערפאר;
- אינפארמאציע אין אפזאג מעלדונגען איבער וויאזוי דער אפליקאנט קען זיך קעגנשטעלן צו דעם באשלוס;
- אויפנעמען האוזינג ספעציאליסטן ארויסצוהעלפן אפליקאנטן און סערוויס קאארדינעיטערס מיט טרעפן דירות;
- זוכן באשטעטיגונג צו הייבן פארגיטיגונג ראטעס פאר סערוויס קאארדינאציע אגענטורן (Service Coordination Agencies) אז זיי זאלן קענען אינוועסטירן שטאב מיטגלידער צייט מיט ארויסהעלפן אפליקאנטן איידער NHTD פראגראם סערוויסעס הויבן זיך אן, געוואנדן אין צענטער פאר Medicaid און Medicare סערוויסעס (Center for Medicare and Medicaid Services, CMS) באשטעטיגונג;
- פארמערן קאארדינאציע צווישן די NHTD פראגראם און די אפענע טירן פראגראם (Open Doors Program) צו העלפן אפליקאנטן בעסער רוקן און באקומען קאמיוניטי-באזירטע סערוויסעס.
- פארמערן הילף דורך די NYC NHTD וועיווער פראגראם אדמינסטראטור פאר אפליקאנטן וועמענס קעיסעס פארמאגן קאמפליקאציעס וועלכע האבן עס געמאכט שווער פאר דער מענטש צו באקומען צוטריט צו NHTD פראגראם סערוויסעס.

די טוישן וועלן זיך אויפווייזן אין א נייע ווערסיע פון די NHTD וועיווער פראגראם וועגווייזער, וואס מען קען באקומען אין אלע אגענטורן וועלכע שטעלן צו סערוויסעס אינעם פראגראם און פאר די אלגעמיינע פובליק אויף די DOH'ס וועבזייטל.

דאס איז בלויז א קורצע סיכום פון די שליכטונג אפמאך. די שליכטונג אפמאך, וואס ערקלערט אלע טערמינען פונעם שליכטונג, איז אויף דעם וועבזייטל, https://mobilizationforjustice.org/nhtd/. צו באקומען א קאפיע פון דעם שליכטונג אפמאך, אדער אויב איר האט סיי וועלכע פראגן, קענט איר רופן אדער שיקן א בריוו אדער אימעיל צו די קאונסעל פאר די קלאס מיטגלידער. פאלגנד איז זיין פארבינדונג אינפארמאציע:


**Mobilization for Justice**
**110 William Street, 6th Floor**
**New York, NY 10038**
**Phone: 212-417-3700**
**Fax: 212-417-3891**
nhtdclass@mfjlegal.org
**אדער**
**Patterson Belknap Webb & Tyler LLP**
**1133 Avenue of the Americas**
**New York, NY 10036**
**Phone: 212-336-2000**
**Fax: 212-336-2222**
nhtdclass@mfjlegal.org

**באפרייאונגען**

אויב די געריכט באשטעטיגט די שליכטונג אפמאך, וועט DOH באפרייט ווערן פון סיי וועלכע ווייטערדיגע פאראנטווארטליכקייט פאר אויסדרוקליכע, ארויסקומענע, אדער סיי וועלכע אנדערע גלייכבארעכטיגטע פארלייכטערונג אין פארבינדונג מיט די פאסירונגען וועלכע האבן צוגעפירט צו דעם געריכט פראצעס. דאס מיינט איז איר וועט נישט קענען נעמען די DOH אין געריכט פאר פאסירונגען פארבינדן מיט אפליקאציעס צו די NHTD וועיווער פראגראם פריער פונעם גילטיגע דאטום פונעם שליכטונג אפמאך.

## איר האט א רעכט צו קאמענטירן אויף אדער זיך קעגנשטעלן צו די טערמינען פונעם שליכטונג

## איידער די שליכטונג קען ווערן באשטעטיגט, וועט די געריכט אפהאלטן א "גלייכבארעכטיגקייט הירינג" צו אויסהערן סיי וועלכע קעגנשטעלונגען וועלכע קענען געמאכט ווערן

**אויב איך בין איינשטימיג מיט די שליכטונג אפמאך דארף איך עפעס טון?**

ניין. אויב איר שטימט צו מיט'ן שליכטונג אפמאך, דארפט איר גארנישט טון. אויב די געריכט באשטעטיגט די שליכטונג אפמאך, וועט איר זען די שריט געשילדערט אויבן. איר וועט אויך זיין געבינדן ורך דעם שליכטונג.

**וויאזוי קען איך זיך קעגנשטעלן צו די שליכטונג אפמאך?**

עס זענען דא צוויי וועגן וויאזוי איר קענט קעגנשטעלן אדער קאמענטארן אויף די שליכטונג אפמאך:

1. איר קענט ארייננשיקן צום געריכט א בריוו אדער אנדערע געשריבענע דערקלערונג געצייכנט "Bagley Settlement" (**בעיגלי שליכטונג**), וואס רעכנט אויס אייער קעגנשטעלונג אדער קאמענטארן איבער דעם שליכטונג. מאכט זיכער צו ארייננשרייבן אייער נאמען, אדרעס, טעלעפאן נומער, אונטערשריפט, און א פולע ערקלערונג פון אלע סיבות פארוואס איר שטעלט זיך קעגן דעם שליכטונג אפמאך. איר קענט פערזענליך ברענגען די בריוו צום קלערק פונעם געריכט (Clerk of the Court), אויף אדער איידער [insert date from Order] אדער אויף פאסט, אין וואס די בריוו מוז ווערן ארויסגעשיקט איידער [___insert from Order___]. איר מוזט אויך שיקן א קאפיע פונעם בריוו אדער צו Patterson Belknap Webb & Tyler LLP <u>אדער</u> Mobilization for Justice, אדוואקאטן פאר די קלאס מיטגלידער. די פאסט אדרעסן פאר די אדוואקאטן זענען אויסגערעכנט אויבן. די געריכט'ס אדרעס איז געשריבן אונטן:

**Clerk of the Court**
**United States District Court for the Eastern District of New York**
**225 Cadman Plaza East**
**Brooklyn, New York 11201**

2. איר קענט קומען אין געריכט אויפ'ן טאג פון די גערעכטיגקייט הירינג (Fairness Hearing) (זעט אונטן) און זאגן פאר דער ריכטער אייערע קאמענטארן און/אדער קעגנשטעלונג(ען). די גערעכטיגקייט הירינג וועט ווערן אפגעהאלטן דורך ריכטער פרעדעריק בלאק אין די Courtroom 10C אויפ'ן 10'טע שטאק פון די United States District Courthouse, 225 Cadman Plaza East, South Brooklyn, New York, אויף __________, 2024, ביי ____. איר מוזט זיך נישט באטייליגן אינעם גערעכטיגקייט הירינג אויב איר ווילן נישט קאמענטירן אדער אויב איר האט אריינגעגעבן א געשריבענע קעגנשטעלונג אדער באמערקונג.

אויב איר האט סיי וועלכע פראגן, קענט איר רופן אדער שיקן אן אימעיל צו די קאונסעל פאר די קלאס מיטגלידער.

**איר זאלט נישט רופן דעם געריכט**

מען קען אויך באקומען דעם מעלדונג אין אראביש, בענגאליש, בורמעזיש, כינעזיש, פראנצויזיש, העישען-קריאול, איטאליעניש, יאפאנעזיש, קארעיש, נעפאליש, פויליש, רוסיש, שפאניש, אורדו, און אידיש אויפ'ן ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט'ס וועבזייטל, אויף https://health.ny.gov/facilities/long_term_care/nhtd/resources/index.htm